בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## וָאֵרָא

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**דוּרְךְ תְּהִילִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֵייעֶן הַיינְט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּיקּוּן כז): אַז אִין דִי טֶעג קֶען מֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן, בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית; וָואס וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ קֶען מֶען אִין דִי טֶעג אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר: "וָואס טוּט מֶען?" "וִוי הֵייבְּט מֶען אָן פַארְרֶעכְטְן?" מִיר זֶעהֶען דָאךְ אַזוֹי טִיף פַארְזִינְקֶען אִין דִי עֲבֵירָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן דַארְף עֶר פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים (פִיר אוּן אַכְצִיג טֶעג) פַאר יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדַארְפְט לֶעבְּן טוֹיזְנְט יָאר עֶר זָאל הָאבְּן גֶענוּג טֶעג צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים, אִיז לְמַעֲשֶׂה וִוי הֵייבְּט מֶען אָן?!

קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?" אַז מֶען וֵוייסְט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט מֶען אַז מֶען פַאסְט אוּן מֶען טוּט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוִוסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, נָאר אִיךְ וָואלְט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִילִים, דֶערִיבֶּער אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם צַדִיק רֶבִּי רְפָאֵל פוּן בֶּערְשִׁיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס מִקָארִיץ זִי"ע, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּהִילִים אֲפִילוּ קַאלְט אָן

קַיין הִתְעוֹרְרוּת. עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "זָאגְט אֲפִילוּ אַ קַאלְטְן קַאפִּיטְל תְּהִילִים, נָאר דֶער עִיקָר אִיר זָאלְט זָאגְן תְּהִלִים"; דֶער רֶבִּי הָאט דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, ווייל עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶער וֶועלְט צוּ זָאגְן תְּהִילִים.

הַיינְט הֵייבְּן מִיר אָן 'סֵפֶר שְׁמוֹת'; זָאלְסְט פָּאלְגְן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיב וָואךְ. שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף פְּרַייטָאג אָדֶער אוֹיף שַׁבָּת, נָאר יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע וָואךְ מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת. ווייל אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאט מֶען אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע וָואךְ אוּן אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען הָאבְּן אַ הֶפְסֵד מִיט גֶעלְט אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶערְס חַס וְשָׁלוֹם; אוֹיבּ מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ בִּיז פְּרַייטָאג קֶען אַרִיבֶּער גֵיין דִי וָואךְ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן דָאס וֶועט קָאסְטְן אַ פְּרַייז הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ - יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם אוּן רַשִׁ"י, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

טְרַאכְט אַרַיין וֶועסְטוּ זֶען ווִי דִי טֶעג פְלִיעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן, "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה" (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו), זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וִוי לַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטַאמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן נָאר פְּלִיט דוּרְךְ וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְּלִיט.

מֶען הָאט קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם יָאר, מֶען הָאט קוֹים אָנְגֶעפַאנְגֶען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אוּן דִי וָואךְ הֵייבְּן מִיר שׁוֹין אָן סֵפֶר שְׁמוֹת; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן צִי דוּ הָאסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען בִּיז אַהֶער אַלֶע סֶדְרוֹת, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן צִי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י.

נֶעכְטְן נַאכְט הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת דְּמַאי פוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי; מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי צוּזַאמֶען בָּחוּרִים, אַבְרֵכִים אוּן קִינְדֶער אַ בְּלַאט בַּבְלִי אוּן אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי. זֶענֶען מִיר נֶעכְטְן גֶעזֶעצְן צוּזַאמֶען אוֹיף אַ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה צוּזַאמֶען מִיט אַ סִיּוּם; מִיר הָאבְּן גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; מוֹהַרְנַ"ת הָאט דָאס גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן. מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער שִׂיחָה דַארְף זַיין דֶער קַאמְפּוּס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, פּוּנְקְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ פָּארְט אוֹיף אַ שִׁיף דַארְף עֶר הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ גַאנְצֶע צַייט אַ קַאמְפּוּס כְּדֵי עֶר זָאל ווִיסְן צִי עֶר פָּארְט רִיכְטִיג, ווַייל אִינְמִיטְן ווַאסֶער זֶעט מֶען נִישְׁט דֶעם סוֹף, עֶס קֶען זַיין אַז מֶען זָאל פָּארְן אַרוּם אוּן אַרוּם וְכוּ'. אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ כְּסֵדֶר קוּקְן אוֹיף זִיךְ צִי עֶר פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אָדֶער עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם חוּץ מִיט זִיךְ.

מָארְגְן קוּמְט פָּאר נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה; מֶען זֶעט צוּבִּיסְלֶעךְ ווִי יֶעדֶע דִיבּוּר פוּן מוֹהַרְאַ"שׁ וֶוערְט מְקוּיָּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם אַ' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט גֵיין וְכוּ' מֶעגְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען", אָבֶּער זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען ווַייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט", ווַייל דֶער דִיבּוּר הָאט אַ כֹּחַ, אוּן וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס מִיטְן מוֹיל קֶען נָאכְדֶעם פַּאסִירְן.

דֶערִיבֶּער וֶוען דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן גֵיין וְכוּ' אוּן מֶען וֶועט דִיר פָּארְהַאלְטְן פַארְוָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען זָאלְסְטוּ זָאגְן סְתָם: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען"; לָאז יֶענֶעם טְרַאכְטְן וָואס יֶענֶער ווִיל, ווִי אֵיידֶער צוּ זָאגְן אוֹיף זִיךְ אַז מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶעג מֶען טְרִינְקֶען וַואסֶער פַאר קִידוּשׁ?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגֶא בְּרֶסְלֶב.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס. זָאלְסְט זִיךְ אֵייבִּיג נָאר חַבְרֶ'ן מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידֶל אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַ גוּטֶע נָאמֶען פַאר אוּנְזֶער סְקוּל 'בֵּית פֵּיגֶא'.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי מֶען מֶעג טְרִינְקֶען וַואסֶער פַאר קִידוּשׁ; בִּיז דוּ וֶוערְסְט אַ בַּת מִצְוָה מֵיידְל מֶעגְסְטוּ טְרִינְקֶען וַואסֶער פַאר קִידוּשׁ (עַיֵּין מָגֵן אַבְרָהָם, סִימָן רסט סָעִיף קָטָן א).

זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן אוּן וָואס זֵיי דַארְפְן בֶּעטְן זֵיי נָאר פוּן אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" שָׂם גּוֹרָלֵנוּ! וואוּ וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען אוּן וִוי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס.

נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין אַלֶעס פְּרָאבִּירְט אִיז יֶעצְט גֶעקוּמֶען דִי צַייט דוּ זָאלְסְט פְּרָאבִּירְן דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת"; גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל וואוּ קֵיינֶער שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דוּ וֶועסְט זֶען וָואס דָאס וֶועט טוּן מִיט דִיר. נָאכְן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי דוּ טְרָאגְסְט אַפָּאר
~~~~~~~~~~~

הוּנְדֶערְט פוּנְט וֶוייניגֶער, אֵיינְמָאל מֶען גֶעוואוּינְט זִיךְ אַיין צוּ רֶעדְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף מֶען שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ - אוּן דוּ הַאלְסְט נָאךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט; נִישְׁט נָאר דוּ גֵייסְט נִישְׁט הֶעכֶער נָאר דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פַאלְן טִיפֶער אוּן טִיפֶער. וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם נָאר גֵיי וַוייטֶער אִין שׁוּל אוּן טוּ אָן תְּפִילִין, נֶעם וַוייטֶער אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ גְּמָרָא אוּן זָאג דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה. גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפט): "דֶער ס"מ דַארְף נִישְׁט דִי עֲבֵירָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר דַארְף דִי עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי עֲבֵירָה".

רוּף דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא מִצְוָה וִוי דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פָּרָשָׁה כו): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן"; זָאג נִישְׁט: "זֵיי זֶענֶען אַלְט", "זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַיין גַאטוּנְג"" וְכַדוֹמֶה, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן אוֹיף דִיר חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**"דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת!"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דִיר צוּ שְׁרַייבְּן הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַ בְּרִיוו; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעצְט מִיט אַסַאךְ זַאכְן. קוֹדֶם אִיז נֶעכְטְן נַאכְט פָארְגֶעקוּמֶען דָא אִין יְשִׁיבָה אַ חֲתוּנָה וָואס סַיי דֶער חָתָן אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה" אוּן סַיי דִי כַּלָּה אִיז אַ תַּלְמִידָה פוּן אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא". הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט דָא גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק צוּ דִי בְּרִיתִים פוּן הָאבְּרֶךְ ...'ס צְווִילִינְג. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ צְוֵויי מִינוּט וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר שׁוּרוֹת.

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיף אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אַן אָרִימַאן: - "נֶעבֶּעךְ אוֹיף אִים, עֶר אִיז אַזַא רַחֲמָנוּת, עֶר הָאט נִישְׁט
~~~~~~~~~~~

גָארְנִישְׁט"... הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "עֶר אִיז אַ רַחֲמָנוּת? (מִיט אַ לָשׁוֹן וְוִי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ) משֶׁה חִינְקֶע'ס אִיז אַ רַחֲמָנוּת!" (משֶׁה חִינְקֶע'ס אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע לוֹחֲמִים אַנְטְקֶעגְן רֶבִּי נָתָן). אֱמֶת, דֶער פוּן אנ"ש הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן דֶערִיבֶּער זֶעט עֶר אֶפְשָׁר אוֹיס וְוִי אַ רַחֲמָנוּת, וְוִידֶערְאוּם משֶׁה חִינְקֶע'ס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וְוִי קַיין רַחֲמָנוּת, וַוייל עֶר אִיז אַן עוֹשֶׁר, אָבֶער אִין מְצִיאוּת אִיז עֶר אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת, וַוייל וֶוער וֵוייסְט וָואס וַוארְט אִים אָפּ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל...

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דוּ קוּקְסְט זִיךְ אָן אוּן טְרַאכְטְּסְט: 'אִיךְ בִּין דָאךְ אַזַא רַחֲמָנוּת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט'; דוּ בִּיסְט מְקַנֵּא פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי וָואס זֶעט אוֹיס וְוִי עֶס גֵייט אִים גוּט, וְוִיל אִיךְ דִיר זָאגְן לִיבֶּער בְּרוּדֶער: "דוּ בִּיסְט אַ רַחֲמָנוּת? (מִיט אַ לָשׁוֹן וְוִי מֶען פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ) דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת, דוּ הָאסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִיר, דוּ לֶעבְּסְט מִיט אֱמוּנָה; אֲפִילוּ וֶוען דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ גֶעבְּסְטוּ אַ גוּטְן קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶוערְסְט נִכְשָׁל וְכוּ' וֵויינְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיס אוּן עֶס טוּט דִיר וֵויי; דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת!"

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת וַוייל יֶעצְט אִיז מַיין צַייט זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְט; אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ טוּן וָואס לִיגְט אַלְץ אוֹיף מִיר.

מַיין גַאנְצֶע חַיּוּת אִיז נָאר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ עֶפְנְסְט נָאךְ אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן דִי בְּלֶעטֶערְסְט נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן אַרוֹיס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר; בִּפְרָט יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען מִיר צוּ הֶעלְפְן אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן אוּמַאן. גֶעלוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָפְּגֶעצָאלְט אַ טֵייל חוֹבוֹת, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט הַיינְט קַיין אוּמַאן נָאךְ גֶעלְט צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן.
~~~~~~~~~~~

די צְוֵויי שַׁבָּתִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט פַּאר די בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן די יְשִׁיבָה איז זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, און אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז יֶעצְט מַאכְסְטוּ אַ שַׁבָּת פַּאר יוּנְגֶעלַייט. וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס דֶערְפוּן און קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט. די תַּלְמִידִים דַארְפְן פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ טוּסְט, אַז דָאס אִיז פָּשׁוּט צוּ קֶענֶען שַׁאפְן יֶעצְט נָאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מַיינֶע תַּלְמִידִים - יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן זֵיי; אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל וָואס דָאס מֵיינְט 'תַּלְמִידִים', אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וַוייל נִישְׁט אַלֶע וָואס הָאבְּן תַּלְמִידִים זִיצְן מִיט תַּלְמִידִים אַ גַאנְצְן טָאג און אַ גַאנְצֶע נַאכְט אָן קַיין שׁוּם זַייטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וְכוּ'.

גְעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יֶעצְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶוען יָאר וָואס אִיךְ זִיץ מִיט בָּחוּרִים פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיפְדֶערְנַאכְט און אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין גֶעהַאלְט פוּן די יְשִׁיבָה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן די יְשִׁיבָה און עֶס אִיז סַיי וְוי נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען.

אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן יָארְן מִיט דַיין בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר און מִיט דַיין שְׁוָואגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר; זֵיי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס מֵיינְט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה. הַיינְט בִּין אִיךְ שׁוֹין צְעשְׁנִיטְן אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּרַאקְצִיעֶס, הַגַם די גְרֶעסֶערֶע טֵייל אִיז פַּאר די בָּחוּרִים, אֵיין טֵייל פַּאר די חֵדֶר, אֵיין טֵייל פַּאר די סְקוּל, אֵיין טֵייל פַּאר קָאפְּלְס, שָׁלוֹם בַּיִת, כּוֹלֵל, וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶער דֶעמָאלְט זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִינְאֵיינֶעם.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי און הֶערְן און אַרָאפְּשְׁרַייבְּן וָואס זֵיי דֶערְצֵיילְן וְוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ; דָאס הָאט מֶען גֶעבּוֹיט מִיט בְּלוּט נִישְׁט מִיט קַיין גֶעלְט.

דֶערִיבֶּער וְויל אִיךְ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַז תַּלְמִידִים זָאלְן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז נָאר פַּאר גֶעוִויסֶע יוּנְגֶעלַייט; זַיי מוֹדִיעַ וָואס דוּ ווילְסְט אוֹיפְטוּן און עֶרְרַייכְן מִיט דֶעם שַׁבָּת, אַז דוּ ווילְסְט פָּשׁוּט הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן חוֹבוֹת. וַוייל אַז דוּ מַאכְסְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וֶועסְטוּ זֶען אַז יֶעדֶער יוּנְגֶערְמַאן - כִּמְעַט יֶעדֶער, רוּבָּם כְּכוּלָם זֶענֶען בַּעֲלֵי מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֶה בְּכֹּה וְזֶה בְּכֹּה. אֵיינֶער הֶעלְפְט דֶעם כּוֹלֵל, אֵיינֶער הֶעלְפְט די מוֹסָד מִיט די שְׁטָאטִישֶׁע פְּרָאגְרַאמֶען, אֵיינֶער נֶעמְט צוּזַאם די רֶענְט, אֵיינֶער קָאכְט אִין אוּמַאן, דָאס אַלֵיינְס אִיז שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶלער.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט דִיר אַמָאל אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ שַׁבָּת פַּאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן, אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ מַאכְן אַ קְלֵיינֶע שַׁבָּת וַוייל יֶעדֶער טוּט עֶפֶּעס.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין אוּנְזֶערֶע ד' אַמוֹת; מֶען זָאל זִיךְ פַּארְגִינֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אֱמֶת, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט מֶענְטְשְׁן וַוייל יֶעדֶע אֵיינֶער הָאט זַיין דֵעָה אוּן זַיין מֵיינוּנְג, אָבֶּער דָא אִיז אַנְדֶערְשׁ, וַוייל אַלֶע ווִילְן מִיר נָאר אֵיין זַאךְ: אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע הַארְץ אוּן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין: "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ", יֶעדֶער אִיד זָאל ווִיסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, יֶעדֶער אִיד זָאל ווִיסְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ תַּקָנָה, מִמֵילָא קֶענֶען מִיר אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן אַנְדֶערֶע מֵיינוּנְגֶען וְכוּ'.

וַוארְט נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג; אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט בַּאזָארְגְט פַּאר דַיין שִׁידוּךְ, עֶס אִיז בַּיי מִיר קְלָאר אָן קַיין סָפֵק אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

...

~~~~~~~~~~~

**אַ גוּטֶע נָאמֶען גֵייט וַוייט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגֶא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' רֶעדְן זֵייעֶר שֵׁיין פוּן דִיר אַז דַיין הִתְנַהֲגוּת אִיז מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, א): "טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב", עֶס אִיז בֶּעסֶער פַּארְן מֶענְטְשׁ אַ גוּטֶע נָאמֶען מֶער ווִי דִי בֶּעסְטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע אוֹיל (פֶּערְפוּים), וַוייל אֲפִילוּ מֶען זָאל לֵייגְן אוֹיף זִיךְ גוּטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע אוֹיל וֶועלְן נָאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְן דֶעם אוֹיל וְכוּ', אָבֶּער אַ גוּטֶע נָאמֶען גֵייט פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיזְן צְוֵוייטְן; אוֹיךְ וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַּאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת.
~~~~~~~~~~~

דו וֵוייסְט אַוַודַאי פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים רוּפְן מִיט זַיין מַאמֶע׳ס נָאמֶען רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא און נִישְׁט מִיט זַיין טַאטֶעס נָאמֶען - בֶּן שִׂמְחָה, וַוייל זִי הָאט אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער רֶבִּי׳ס טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען רוֹב צַייט גָלוּת לַיידְן און עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אִין שְׁטוּב, נָאר זַיין מַאמֶע הָאט אִים מְגַדֵל גֶעוֶוען. זִי פְלֶעגְט גֵיין כְּסֵדֶר מִיטְן רֶבִּי׳ן צוּם קֵבֶר פוּן אִיר הֵיילִיגֶע זֵיידֶע דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וואו זִי הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכָה זַיין צוּ אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער צַדִּיקִים.

זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נָאךְ גֵיין אִין דִי וֶועגְן; גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס דו דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכָה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~~

וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְ-פָאוֹן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר - פַאר דַיין אֵייגֶענֶע לֶעבְּן: וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְ-פָאוֹן; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר צוּלִיבּ דִי צָרוֹת וָואס דו מַאכְסְט נֶעבֶּעךְ מִיט, יֶעדֶע נַאכְט קוּקְסְטוּ מָאוִויס און דָאס מַאכְט דִיר מוֹרָא׳דִיג צֶעבְּרָאכְן. דו נַארְסְט זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ, וַוייל קוֹדֶם זָאגְסְטוּ צוּ דִיר אַלֵיינְס אַז דו גֵייסְט קוּקְן נָאר דָאס און נָאר יֶענְס, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה טְרֶעפְסְטוּ זִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. דָאס מַאכְט אַז דו זָאלְסְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, מַמָשׁ עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִיר, דו בִּיסְט אַזוֹי מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס דו קוּקְסְט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ וֵוייס אַז דו ווִילְסְט זַיין גוּט, און וִוי דו מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט דִיר אַלֵיינְס צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אֲפִילוּ דו פַאלְסְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל; דו הַאלְסְט שׁוֹין בַּיי דִי פֶערְטֶע סְמַארְטְ-פָאוֹן, נָאכְדֶעם וָואס דו הָאסְט שׁוֹין אַוֶועק גֶעוָוארְפְן אַפָּאר מָאל דֶעם פָאוֹן אָבֶּער דו הָאסְט עֶס נָאכְאַמָאל גֶעקוֹיפְט. פָאלְג דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת און שְׁרַיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:
~~~~~~~~~~~~

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, רַאטֶעוֶועט מִיר! אִיךְ זִינְק אִין טוּמְאָה, אִיךְ זִינְק אִין שְׁמוּץ אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען דֶערְפוּן. טַאטֶע! הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט.

גֶעבּ מִיר כֹּחַ טַאטֶע אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן קוּקְן שְׁמוּץ; לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים, גֶעבּ מִיר אַ נַייעֶ הַארְצֶעלֶע, וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי, אוּן בַּאנַייעֶ מִיר מַיין ווִילְן - טַאטֶע זִיסֶער; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס גֶעשֶׁעהט מִיט אַזֶעלְכֶע תְּפִילּוֹת; דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לֹא בָּעִינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִּידוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַרַיין מִישְׁן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טְעָנוֹת צוּ מִיר, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נָאר אִיךְ ווִיל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא-בְּרִיךְ-הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶעניגְן ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לֹא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְּשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֱלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרִימַאן שְׁנֶעלֶער ווִי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק.

דֶער זוֹהַר זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז וֶוען דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דִי חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרִימַאנְ'ס תְּפִילָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אוּן הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי ווִי אַן אָרִימַאן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וְכוּ'.

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, אוּן אַז ווִי שְׁטַארְק עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט עֶס

אִים נִישְׁט, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוִי עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אַז עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, דוּרְכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע זִינְד.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (עַיֵּין אֲשֶׁר בְּנַחַל מִכְתָּב אֶלֶף, רפג; וְעוֹד) אַז עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ אִין הִימְל וָואס זַיין נָאמֶען אִיז עזריא"ל, עֶר אִיז מְמוּנֶה אַרוֹיף צוּ טְרָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן בָּחוּרִים וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר נֶעמְט דִי תְּפִילוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בּוֹיט דֶערְמִיט אִין הִימְל הֶערְלִיכֶע פַּאלַאצְן, אוּן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת אַ פְּרִישֶׁע חַיוּת אוּן אַ פְּרִישֶׁע מוּט.

שְׁטַארְק זִיךְ; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

~~~~~~~~~~~

קוּקְן אוֹיף דִי פְרֵיילִיכֶע זַייט, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דֶער ס"מ אִיז דָאךְ אַזוֹי כִיטְרֶע, עֶר זוּכְט נָאר וְוִי עֶר קֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים, אַבִּי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי קָאפּ פוּן פְּלַאץ, מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן אוּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען.

אַז אִיר וַוארְט יֶעצְט אַ שִׂמְחָה, אַנְשְׁטָאט אִיר זָאלְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אַייךְ אַז אִיר הָאט קִינְדֶער אוּן אִיר גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער ס"מ אַז אִיר זָאלְט וֵויינֶען אַז אִיר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן אַ שִׂמְחָה פוּן אַ בְּרוּדֶער וְכוּ'.

אַז מֶען קֶען נִישְׁט מִיט הַאלְטְן אַ שִׂמְחָה צוּלִיבּ אַ אֵייגֶענֶע שִׂמְחָה אִיז מֶען נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת; דֶער עִיקָר תְּפִילוֹת זָאלְט אִיר לֵייגְן אוֹיף אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן גְרִינְג אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, אוּן אַז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶועט זַיין בַּיי אֵייעֶר בְּרוּדֶער'ס חֲתוּנָה זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, אוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט מִיט הַאלְטְן דִי חֲתוּנָה צוּלִיבּ אַ שִׂמְחָה.
~~~~~~~~~~~

איר דארְפְט פארְשְׁטֵיין אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פארן זיך נישט רֶעכֶענֶען מיט אייך מיטן קוֹבֵעַ זיין די זְמַן הַחֲתוּנָה ווען איר דארְפְט הָאבְּן וְכוּ׳; עס איז נישט גְרינְג צוּ קוֹבֵעַ זיין אַ טָאג פאר אַ חֲתוּנָה, קוֹדֶם מיט די כַּלָה, נָאכְדֶעם מיט די מְחוּתָּנִים פוּן בֵּיידֶע זייטן; איז פארוואס זאלְט איר זיין צֶעבְּרָאכְן אַז מען הָאט זיך נישט גערֶעכֶענְט מיט אייך?! ענְדֶערְשׁ זאלְט איר זיין פְרֵיילִיךְ אַז עס איז דָא שִׂמְחוֹת אין די מִשְׁפָּחָה.

הֶערְט׳ס אוֹיף וויינֶען און קְרֶעכְצְן אַז מען רֶעכְנְט זיך נישט מיט אייערע גֶעפִילְן וְכוּ׳, הֵייבְּט אָן קוּקְן אוֹיף די חֲסָדִים וואס דער אייבערשטער טוּט מיט אייך; איר הָאט אַ טֵייעֶרֶע מַאן נֵרוֹ יָאִיר, ער בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, ער הֶעלְפְט אייך מיט די שְׁטוּב וְוירְטְשַׁאפְט, ער לֶערְנְט און דאוֶונְט - וואס נאך דארְפְט איר? איין זאך פֶעלְט אייך: "אַבִּיסְל פְרֵיילִיכְקֵייט"; איר זאלְט מַכִּיר זיין די חֲסָדִים וואס דער אייבערשטער טוּט מיט אייך.

עס קוּמְט מיר אוֹיס צוּ הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וואס זֵיי לֵיידְן נֶעבֶּעך צַאם אין זייער לֶעבְּן, בִּיטֶערֶע צָרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן; דֶערִיבֶּער פארְשְׁטֵיי איך נישט פארוואס איר דארְפְט זיך זוּכְן אוֹיף וואס צוּ קְרֶעכְצְן. אַז אייערע עֶלְטֶערְן ווילְן נישט אַז איר זאלְט אַרוֹיס גֶעבְּן די סִידִי וְכוּ׳ זאלְט איר אָפְּלָאזְן אַלֶעס און אַרַיין לֵייגְן אַלֶע אייערע טאלאנְטְן אין אייער הוֹיז און אין אייער שְׁטוּב; יֶעדֶע אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט וואס איר הָאט זאלְט איר בּוֹיעֶן אייער גָארְטְן.

דָאס אַז איר הָאט נישט קיין צייט צוּ זָאגְן תְּהִילִים און צוּ דאוֶונֶען; אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע מַאמֶעס מיט פִּיצְלֶעך קינְדֶער. זאלְט איר אינְמִיטְן די אַרְבֶּעט רֶעדְן צוּם אייבערשטן; בִּשְׁעַת איר מַאכְט די ווֶעשׁ זאלְט איר זיך אוּנְטֶער זינְגֶען נִיגוּנִים פוּן לִיבּ און דַאנְק צוּם אייבערשטן; בִּשְׁעַת איר קָאכְט און בַּאקְט פאר אייער מַאן און קינְדֶער זאלְט איר רֶעדְן צוּם אייבערשטן אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווי דער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

איך הָאף אַז איר וועט אָנֶעמֶען די חִיזוּק ווערטער און שוֹין אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וואס דער אייבערשטער טוּט מיט אייך.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**עֶטְלִיכֶע הַדְרָכוֹת פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אִינֶעוֵוייניג אִין אַ לוּחַ, אוּן גְלַייךְ אוֹיפְשְׁרַייבְּן וְכוּ', וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן בַּעַל פֶּה; אַז מֶען שְׁרַייבְּט נִישְׁט גְלַייךְ אוֹיף אִינֶעם לוּחַ פַארְגֶעסְט מֶען אוּן מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מִכְשׁוֹלוֹת. מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטִיפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער טְרַאכְטְנְדִיג: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער אוֹיפְשְׁרַייבְּן', וַוייל נָאכְדֶעם פַארְגֶעסְט מֶען אוּן מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ אִיסוּרֵי כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זֶענְט מְסוּפָּק וְכוּ' זוּנְטָאג אָדֶער מָאנְטָאג וְכוּ', אִין דֶעם פַאל נֶעמְט מֶען אָן אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מָאנְטָאג אוּן מֶען הַאלְט חֶשְׁבּוֹן אוֹיף וַוייטֶער פוּן מָאנְטָאג.

קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶען מֶען בָּאדְן צוּזַאמֶען מִיט דִי אוּנְטֶער וֶועשׁ וְכוּ', אוּן וֶוען זֵיי וֶוערְן גְרֶעסֶער דֶעמָאלְט בָּאדְט מֶען יֶעדֶעס קִינְד בַּאזִינְדֶער.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; וֶוען אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואלְטְן גֶעוּוִיסְט וָואס פַאר אַ כֹּחַ זֵייעֶרֶע תְּפִילּוֹת הָאבְּן אִין הִימְל, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר דִי מַאן, פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ דַאוֶונֶען וַוייל מֶען אִיז פַארְיָאגְט מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשְׁעַת מֶען וַואשְׁט וֶועשׁ אוּן בְּשְׁעַת מֶען קָאכְט אוּן בַּאקְט וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי שֵׁיינֶע חוּפָּה פַאר דִי אוּמְזִיסְטֶע חֲתוּנוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע חוּפָּה וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶענֵייט פַאר דִי חֲתוּנוֹת וָואס קוּמֶען פָּאר אִין יְשִׁיבָה; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ לֶעקְטֶער אַרוּם אוּן אַרוּם דִי חוּפָּה כְּדֵי אַז יֶעצְט ווִינְטֶער זָאל נִישְׁט זַיין טוּנְקְל בְּשְׁעַת דִי חוּפָּה.
~~~~~~~~~~~

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: "וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי חוּפָּה: 'אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן?'" מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ טְשֶׁעפֶּע וָוארְט. אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר דֶערְצֵיילְן אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט, הַיִתָּכֵן אַזַאנְס צוּ שְׁרַייבְּן?!

דָאס הָאט מִיר דֶערְמַאנְט אַ מַעֲשֶׂה, אַז אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רָב פוּן שְׁטָאט זָאגְן אַז עֶר וִויל אַ דִין תּוֹרָה מִיט פְּלוֹנִי וֶועלְכֶער הָאט אִים מְבַזֶּה גֶעוֶועזְן; בִּשְׁעַת דִי דִין תּוֹרָה פְרֶעגְט אִים דֶער רָב: "וָואס הָאט עֶר דִיר פַארְשֶׁעמְט?" הָאט דֶער תּוֹבֵעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער אִיד אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אוֹיס גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ: 'דֶער נַאר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן שׁוּל! אִיךְ צֵייל בִּיז דְרֵיי אוּן וֶוען אִיךְ זָאג דְרֵיי וִויל אִיךְ אִים שׁוֹין זֶען אִינְדְרוֹיסְן'", אִיךְ בִּין פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיס גֶעלָאפְן - דֶערְצֵיילְט דֶער אִיד - יֶעצְט וִויל אִיךְ אַז עֶר זָאל מִיר בַּאצָאלְן פַארְן מִיר אַזוֹי פַארְשֶׁעמֶען בָּרַבִּים. הָאט אִים דֶער רָב גֶעזָאגְט: "יֶענֶער הָאט דִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט, דוּ הָאסְט זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשֶׁעמְט, וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן אַרוֹיס לוֹיפְן פוּן שׁוּל?!"

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט): "אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן 'וָואס וֶועט זַיין מִיט אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ'?' וַוייל עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן אוּן אוֹיס פִירְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט בְּחַיָּיו וְכוּ', הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּם עוֹלָם וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט: 'עֶטְץ הֶערְסְט וָואס עֶר פְרֶעגְט?' אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: 'הָאבּ אִיךְ דֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט? אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן וֶועל אוֹיסְפִירְן'.

דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ - ווִי דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס. צוּבִּיסְלֶעךְ גֵייט אַרַיין זַיינֶע הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אִין דִי וֶועלְט; אִיבֶּעְרָאל רֶעדְט מֶען שׁוֹין פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן יֶעצְט הֵייבְּט אָן אַרַיין גֵיין אִין דִי וֶועלְט דֶעם רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד'; מֶען זֶעט שׁוֹין אִין אַלֶע מְקוֹמוֹת בַּיי אַלֶע חֲסִידוּת'ן ווִי בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי וִויל - אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

הָאסְט דָאךְ מִיט גֶעהַאלְטְן דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דָא קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען ווִי דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס, מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין אוּן הֵיילִיג; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נִצַּחְתִּי וְאֲנַצֵּחַ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג אוּן בִּילִיג, אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין זַייטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן כָּבוֹד הַמְדוּמֶה נָאר שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער.

...

~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן אַרוֹיסְהֶעלְפְן בַּיי דִי אוּמְזִיסְטֶע חֲתוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל קָאסְטְן פַאר דִי מְחוּתָּנִים אֲפִילוּ אֵיין דָאלֶער! גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען דִי פֶּערְטֶע חֲתוּנָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן יְשִׁיבָה אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל קָאסְטְן פַאר בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים קַיין אֵיין פְּרוּטָה.

אִיר פַארְשְׁטֵייט אַלֵיינְס אַז אִיךְ אַלֵיינְס וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט דוּרְךְ בְּרֶעכְן, נָאר מִיט דִי הִילְף פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מַיינֶע גֶעטְרַייעֶ תַּלְמִידִים וָואס אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען בְּאַחְדוּת, קֶען מֶען אוֹיפְטוּן גָאר אַסַאךְ.

דֶערְפַאר דַאנְק אִיךְ אַייךְ פַארְן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן אִין אֵייעֶרֶע פַארְנוּמֶענֶע שָׁעוֹת; נָאכְמִיטָאג אִיז דָאךְ דִי צַייט וָואס אַלֶע מַאמֶעס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי אָפְּוַוארְטְן בַּיים אַהֵיימְקוּמֶען פוּן חֵדֶר אוּן סְקוּל - אִין דִי שָׁעוֹת הָאט אִיר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פוּן אֵייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט צוּ קוּמֶען כַאפְּן פִּיקְטְשֶׁערְס פוּן דִי כַּלָּה אוּן דִי מִשְׁפָּחָה.

זָאל אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר שׁוֹין זֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף נַחַת בַּיי אֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ; אוֹיךְ זָאל אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר אֵייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ' אוּן אִיר חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה בְּחִינָם.

אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער - סֵיי ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן סֵיי ... ; זֵיי זֶענֶען לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער. זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וּבְעִיקָר פִירְן זֵיי זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת י:): "הַנּוֹתֵן מַתָּנָה לַחֲבֵירוֹ צָרִיךְ לְהוֹדִיעוֹ", וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט פַאר אֵיינֶעם אַ מַתָּנָה זָאל עֶר אִים מוֹדִיעַ זַיין אַז עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'צָרִיךְ לְהוֹדִיעוֹ'): "שֶׁמִּתּוֹךְ כַּךְ יְהֵא אוֹהֲבוֹ", ווייל אַזוֹי וֶועט עֶר מַרְבֶּה זַיין לִיבְשַׁאפְט; אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) אַז וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט אַ עֶסְן פַאר אַ קִינְד זָאל עֶר אָנְשְׁמִירְן דֶעם קִינְד אַבִּיסְל פוּן דִי עֶסְן וָואס עֶר גֶעבְּט אִים, כְּדֵי אַז וֶוען דָאס קִינְד וֶועט אַהֵיים קוּמֶען זָאל אִים זַיין מַאמֶע פְרֶעגְן: "וֶוער הָאט דִיר שְׁמוּצִיג גֶעמַאכְט?" וֶועט דָאס קִינְד דֶערְצֵיילְן אַז דֶער אוּן דֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען הַכָּרַת הַטּוֹב.
~~~~~~~~~~

דָאס זֶעלְבֶּע וויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אֵייעֶר בָּחוּר דֶערְצֵיילְט אַייךְ וִוי שֵׁיין אִיךְ פִּיר זִיךְ מִיט אִים אוּן וִוי אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אִים מְחַנֵךְ צוּ זַיין מִיט אַהֲבָה אוּן סַבְלָנוּת; דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַייךְ, אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אִיךְ גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף אִים; עֶר וֶועט אִם יִרְצֶה ה' אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

...

~~~~~~~~~~

**שִׂמְחָה אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ אִיד.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז שִׂמְחָה אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט: יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קֵיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ; קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי בִּלְבּוּלִים וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר נָאר זָאג וַוייטֶער מִשְׁנָיוֹת אוּן תְּהִילִים. מֶען זֶעט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מִ'שְׁנָיוֹת אוּן תְּ'הִילִים אִיז מֵ"ת, וַוייל דִי צְוֵויי זַאכְן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן טֻמְאַת מֵת; דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אוֹיס טוֹיט אוּן עֶר זָאל לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מֶען קֶען אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם נָאר אַז מֶען הָאט דִי מִדָּה פוּן תְּמִימוּת - דִי סוֹפֵי תֵיבוֹת פוּן מִשְׁנָיוֹת' אוּן תְּהִילִים', וַוייל צוּ דֶעם דַארְף מֶען זַיין אַ תַּ"ם, פָּאלְגְן וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן אוּנְז אָן קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת הַמְּדוּמוֹת.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט צֶערִיסְן אוּן אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי נוּמֶער וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן פוּן אַ מֵיידְל וָואס זוּכְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת מִיט בָּחוּרִים רַחֲמָנָא לִצְלָן; אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע מֵיידְל וָואס וֶועט זַיין דַיין רִיכְטִיגֶע זִיווּג.
~~~~~~~~~~

זַיי נִישְׁט פַארְלוֹירְן, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

...

~~~~~~~~~~~

## וֶועגְן עֶנְגְלִישׁ אִין סְקוּל.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן מִיט אֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל; מִיר הָאבְּן אוֹיסְנַאם גֶעלוּנְגֶענֶע טִיטְשֶׁערְס וֶועלְכֶע לֵייגְן אַרַיין גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר טָאכְטֶערְ׳ס עֶנְגְלִישׁ - אַז זִי קֶען נָאכְנִישְׁט רֶעדְן פְלִיסִיג וְכוּ׳; דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט אוּנְזֶער סְקוּל, נָאר אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַלֶע קִינְדֶער. וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג רֶעדְן זֵיי בֶּעסֶער זֵייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן דֶערְלֶערְנֶען זֵיי זִיךְ נָאךְ אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי וְכוּ׳.

מִיר הָאבְּן מֵיידְלֶעךְ פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן פוּן בָּארָא פַּארְק, וֶועט מֶען זֶען אַז דִי בָּארָא פַּארְקֶ׳ע קִינְדֶער רֶעדְן בֶּעסֶער עֶנְגְלִישׁ אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִידִישׁ קֶען מֶען זִיךְ אוּנְטֶער לַאכְן בַּיים הֶערְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּער טַייטְשְׁן אִין זֵייעֶר מֹחַ יֶעדֶעס וָוארְט פַאר זֵיי זָאגְן דָאס. לְמָשָׁל אַז זֵיי ווִילְן פְרֶעגְן ווִיפִיל אַזֵייגֶער עֶס אִיז, וֶועלְן זֵיי זָאגְן: "וָואס אִיז דִי זֵייגֶער?" וַוייל אוֹיף עֶנְגְלִישׁ לֵייגְט מֶען אַזוֹי אוֹיס דִי וֶוערְטֶער. נָאךְ אַ מָשָׁל, וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ צְוֵוייטְן פְרֶעגְט מֶען אִין אִידִישׁ: "ווִי אַזוֹי הֵייסְטוּ?" אָבֶּער דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ מֶען רֶעדְט עֶנְגְלִישׁ וֶועלְן פְרֶעגְן: "וָואס דַיין נָאמֶען?" אַזוֹי אִיז אוֹיךְ פַארְקֶערְט, דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן זֵייעֶר עֶרְשְׁטֶע שְׁפְּרַאךְ אִיז אִידִישׁ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן עֶנְגְלִישׁ וֶועלְן זֵיי אוֹיסְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער אַנְדֶערְשׁ, בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶוען זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן פֶּערְפֶעקְט.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ; אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע. מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן עָבָר אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.
~~~~~~~~~~~

בִּפְרָט אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת וָואס דֶער ס"מ רַייסְט שְׁטִיקֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶס פַאלְן נֶעבֶעךְ אַוֶועק בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת; דַארְף מֶען אַסַאךְ תְּהִילִים זָאגְן אוּן אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגִיסְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

~~~~~~~~~~~

## אוֹיפְבּוֹיעֶן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִילִים'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִילִים, בִּפְרָט מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְן גְרוֹיסֶע נִיסִים צוּ טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר זֵיי צוּ זָאגְן תְּהִלִים.

דָאס וָואס עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן וְכוּ'; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווִי מֶער מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה סֵיי אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן סֵיי אִין זִיךְ, מֶען גְלֵייבְּט אִין זִיךְ אַז מֶען אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאכְדֶעם אִיז מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט: 'וָואס וֶועט מֶען טְרַאכְטְן פוּן מִיר?' 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר?'

עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט צוּ הֶערְן לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים; הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה. דָאס פַארְטַרייבְּט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## ווִי נַארִישׁ אִיז אוֹיסְצוּגֶעבְּן טוֹיזְנְטֶער דָאלְלֶער פַאר אַפָּאר שָׁעָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ'.**

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְן הֶעלְפְן אַהֶער שְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע חֲתוּנָה; פַארְן זָארְגְן פַאר דִי 'כַּלָה בֶּענְקְל' בַּיים קַבָּלַת פָּנִים אוּן פַאר דִי 'שֵׁיינֶע בְּלוּמֶען' פַאר דִי כַּלָה. בַּאטֵיילִיגְטֶע

בַּיי דִי שִׂמְחָה הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט צִי דָאס אִיז עֶכְטֶע בְּלוּמֶען, הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז: 'עֶכְטֶע פַאלְטְשֶׁע בְּלוּמֶען'...

עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ הַארְץ וֶוייטָאג צוּ זֶען ווִי דִי וָואס רֵיינִיגְן בַּיי חֲתוּנוֹת וַוארְפְן אַוֶועק טֵייעֶרֶע עֶכְטֶע בְּלוּמֶען - וָואס מֶען הָאט גֶעצָאלְט פַאר דֶעם שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער - אִין מִיסְט אַרַיין; בִּשְׁעַת מֶען וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט פוּן וואוּ מֶען גֵייט בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען פַאר דִי בְּלוּמֶען. דֶערִיבֶּער דַאנְק אִיךְ אַייךְ פַארְן זָארְגְן אַז עֶס זָאל זַיין שֵׁיינֶע עֶכְטֶע פַאלְטְשֶׁע בְּלוּמֶען, וָואס דָאס לֵייגְט מֶען אַוֶועק פוּן אֵיין חֲתוּנָה פַארְן צְוֵוייטְן.

אִיר הָאט אַוַדַאי מִיט גֶעהַאלְטְן דִי חֲתוּנָה אוּן גֶעזֶען ווִי פְרֵיילִיךְ עֶס אִיז גֶעוֶוען; מֶענְטְשְׁן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן פוּן דִי חֲתוּנָה - ווִי שֵׁיין עֶס אִיז אוּן ווִי נַארִישׁ עֶס אִיז אוֹיס צוּ גֶעבְּן טוֹיזְנְטֶער דָאלְלֶער פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט אוּן מֶען וֶוערְט אַ בְּלִיטִיגֶער אָרִימַאן. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר בַּיי דִי חֲתוּנָה פְרֶעגְן: "וָואס פֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה? עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין", הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֵיין זַאךְ פֶעלְט - 'חוֹבוֹת'", עַל כָּל פָּנִים חוֹבוֹת פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט אִיז נִישְׁט דָא; הָאבְּן זֵיי אַלֶע צוּגֶעשְׁטִימְט.

דֶערִיבֶּער דַאנְק אִיךְ אַייךְ אוּן אִיךְ דַאנְק אַלֶע פְרוּיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן עֶס זָאל זַיין אַזַא שֵׁיינֶע שִׂמְחָה; אַזוֹי אִידִישׁ, אַזוֹי הֵיימִישׁ, אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט, מִיט אַזוֹיפִיל חֵן.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר מָרַת ... תִּחְיֶ' אִיר צוּ דַאנְקֶען פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין צוּ בַּאקְן בִּילְדֶער; אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר מִיר שִׁיקְן אַ לִיסְט פוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי עֶסְן וֶועל אִיךְ זֵיי אוֹיךְ שְׁרַייבְּן.

מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' הָאט גֶעקָאכְט דִי פִישׁ אוּן אַ פָּאטֶעטֶע קוּגֶעל; מָרַת ... תִּחְיֶ' הָאט גֶעמַאכְט דִי טָאמֶעטָא דִיפּ, דִי אִיבֶּערִיגֶע וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן זָאלְט אִיר מִיר מוֹדִיעַ זַיין אַלֶע זֵייעֶרֶע נֶעמֶען וֶועל אִיךְ שְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ. וַוייל עֶס גֵייט מִיר בְּנַפְשִׁי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעוָואלְט.

אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶר זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט ...; עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶער אִינְגֶערְמַאן אוּן עֶר טְשֶׁעפֶּעט בָּחוּרִים רַחֲמָנָא לִצְּלָן. אִיךְ ווִיל אַז עֶר זָאל עֶס הֶערְן אוֹיךְ פוּן אַייךְ; עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט אִים צוּ טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶר אוֹיךְ נִישְׁט יֶעצְט אַרוּם לוֹיפְן דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', נָאר עֶר זָאל ווִיסְן אַז אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל אִים טְשֶׁעפֶּען זָאל עֶר יֶענֶעם נִישְׁט אָפְּשׁוֹינֶען, אָבֶּער אַז עֶר הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה זָאל עֶר פַאר זִיךְ

שְׁטֵיין וַוייט, לֹא מִדַּבְשֵׁךְ וְלֹא מֵעֻקְצֵךְ - אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין חַבֵר און אוֹיךְ נִישְׁט דַיין בַּר פְּלוּגְתָּא.

...

~~~~~~~~~~~

**שִׁיק נִישְׁט דַיין טָאכְטֶער אִין גְרָאסֶערִי.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ.

אַז אֵייעֶר טָאכְטֶער זָאגְט אַייךְ אַז זִי וִויל נִישְׁט גֵיין אִין גְרָאסֶערִי וַוייל דִי גוֹיִם דָארְט פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶקְלְדִיג הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, דַארְפְט אִיר אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער וד״ל. בִּפְרָט אִין דִי גְרָאסֶערִי נֶעבְּן אֵייעֶר שְׁטוּבּ, דָארְט זֶענֶען דָאךְ דִי גוֹיִם זֵייעֶר גֶעמֵיינֶע חֶבְרָה, זֵיי לָאקֶערְן טָאג און נַאכְט אוֹיף אִידִישֶׁע מֵיידְלֶעךְ; עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען לָאזְט דָאס אַזוֹי אָנְגֵיין און קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

וָואס טְרַאכְט אִיר, וִוי לַאנְג נֶעמְט אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן אַ קִינְד? אַז אַ מֵיידְל הֶערְט נָאר אֵיינְמָאל וִוי אַ גוֹי טָמֵא זָאגְט אִיר: ״זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי גוּט״, אִיז דָאס שׁוֹין פּוּנְקְט גֶענוּג אַז זִי זָאל פַאלְן אַ קָרְבָּן רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

דֶערִיבֶּער, אַז אֵייעֶר טָאכְטֶער זָאגְט אַייךְ אַז זִי וִויל נִישְׁט גֵיין אִין גְרָאסֶערִי וואוּ דִי טְמֵאִים פִירְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר נִידֶערִיג און פְּרָאסְט, זָאל זִי נִישְׁט גֵיין נָאר עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיךְ און אֵיידְל און זֵיי ווילְן זַיין גוּט; גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי וִוי דֶעם שְׁוַוארְץ אַפְּל פוּן אוֹיג. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה): ״וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת״, אַ מֵיידְל דַארְף מֶער שְׁמִירָה וִוי אַ אִינְגְל; בִּפְרָט אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס דֶער ס״מ שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...|

~~~~~~~~~~~

**"לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער וָואס זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם און פַארְזֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֵיינֶעם; גֶעבּ זִיךְ נָאר אִיבֶּער צוּ אִים וֶועט דִיר זַיין גוּט".**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נִישְׁט צוּרִיק; אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען אַז אִיךְ קוּם נִיטַאמָאל אָן מִיט מַיין טֶעגְלִיכֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ דַארְף זִיצְן מִיט דִי מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס; מִיט דִי אָפִּיס אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; אִיךְ דַארְף זֶען וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי נַייעֶ בִּנְיָן אִין אוּמַאן, קֶעמְפּ, שְׁטֶעטְל; אִיךְ לֶערְן מִיט חֲתָנִים; אִיךְ דַארְף זִיצְן מִיט קָאפְּלְס און מַאכְן צְוִוישְׁן זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת; רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן; צוּגְרֵייטְן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה; עֶנְטְפֶערְן בְּרִיוְון; זִיךְ פָארְקוּקְן דִי שִׁיעוּרִים אִין בַּבְלִי און אִין יְרוּשַׁלְמִי; פָּארְלֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ שִׁיעוּר אִין אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי, דַאוֶוענֶען, יוֹם תְּהִילִים. פָּארְלֶערְנֶען שִׁיעוּרִים פַאר דִי בָּחוּרִים צְוֵויי מָאל אַ טָאג אִין גְמָרָא הֲלָכָה און סִפְרֵי רַבֵּינוּ, אִיךְ דַארְף לֶערְנֶען מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִקְרָא, נ"ך, קַאפִּיטְל מִשְׁלֵי, מִשְׁנָה, תּוֹסֶפְתָּא, גְמָרָא, הֲלָכָה, רַמְבַּ"ם, מֶדְרָשׁ, דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; אִיךְ גֶעבּ אַ שִׁיעוּר פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס און אַ שִׁיעוּר פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ יֶעדֶע וָואךְ. אִיךְ הָאבּ דָאךְ אוֹיךְ אַ וַוייבּ און מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער; אוֹיךְ דַארְף אִיךְ אַבִּיסְל עֶסְן און אַ פִּיצְקֶעלֶע שְׁלָאפְן, וְכוּ'. דָאךְ וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסֶעלֶע חִיזּוּק וֶוערְטֶער זָאלְסְט דִיר שְׁטַארְקְן און וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דִי עֶרְשְׁטֶע און וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט טוּן אִיז אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט חֲבֵרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים, אוֹיבּ הָאט אַ מֶענְטְשׁ אַ חָבֵר אִיז דָאס זַיין וַוייבּ. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל: לָאז אָפּ דַיינֶע חֲבֵרִים; עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ וִוי מִיט נַארָנִים און טִפְּשִׁים.

אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ אַז הַגַם אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט און אַזוֹיפִיל מָאל גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועל אִיךְ דִיר עֶס נָאךְ אַמָאל זָאגְן און נָאךְ אַמָאל שְׁרַייבְּן, וַוייל אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַ דִיבּוּר הָאט אַ כֹּחַ!" דֶערְפַאר וֶועל אִיךְ דִיר עֶס זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְמָאל בִּיז עֶס וֶועט דִיר אַרַיין גֵיין אִין דַיין הֶערְצֶעלֶע: "לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער וָואס זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם און פַארְזֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֵיינֶעם; גֶעבּ זִיךְ נָאר אִיבֶּער צוּ אִים וֶועט דִיר זַיין גוּט".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַמָאל בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל, "שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דָאס קוּמְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: 'אִיךְ ווִיל', מִיט דֶעם טֵיילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט ווִי עֶר ווִיל; דֶערְפַאר, אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר דֶעם כְּלָל: 'ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל - בִּין אִיךְ צוּפְרִידְן', וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין ווִי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט.

בֶּעפַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) אַז רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט; זָאגְט דִי גְמָרָא אַפָּאר פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דִי עֶרְשְׁטֶע פְּשַׁט אִיז: "לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל: "וואוּ דוּ ווִילְסְט גֵיין - זָאלְסְטוּ גֵיין 'נָאר' מִיט דַיין ווַייבּ; ווִילְסְט גֵיין אוֹיף ווַאקַאצְיֶע? גֵיי מִיט דַיין ווַייבּ; ווִילְסְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דִי לְבָנָה? גֵיי מִיט דַיין ווַייבּ; ווִילְסְט גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים? מִיט דַיין ווַייבּ".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן מַיין הַאָרֶץ.

...

~~~~~~~~~~~

"בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה פוּן דִי חֲתוּנָה וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה דִי וָואךְ.

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט אַז יָארְן צוּרִיק הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וָואס הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעפִירְט דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע
~~~~~~~~~~~

שְׁטִיבְּל אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג – אָפְּגֶעֱרֶעדְט פַאר אִים ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אִים אָן צוּ פִירְן דֶעם בְּרֶסְלְבֶ'ער שְׁטִיבְּל, אוּן נִיטַאמָאל הָאט עֶר מִנְיָן. הָאט אִים מוֹהַרָא"ש מְחַזֵק גֶעוֶועְן אַז מֶען דַארְף אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ'. שְׁמוּעֶסְנְדִיג אַזוֹי אוֹיפְן גַאס אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן אַ חֶדֶר בָּאס, אוּן מוֹהַרָא"ש הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַרוּם פָארְן בָּאסֶעס מִיטְן אוֹיפְשְׁרִיפְט: 'תַּלְמוּד תּוֹרָה בְּרֶסְלֶב'", הָאט אִים יֶענֶער גֶעזָאגְט: "אִיר חָלוּמְ'ט בְּהָקִיץ; עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ!"

הָאט מוֹהַרָא"ש גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן". מוֹהַרָא"ש הָאט דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אַרִיבֶּער פָארְן מִיטְן בָּאס בַּיי זַיין הויז, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר דִי רֶעבֶּעצְן דִי שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

בַּיי דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט: 'יֶעצְט קֶען מֶען טַאקֶע זָאגְן אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן'; מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן גָאר אַסַאךְ בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים (קוּנְטְרֵס "לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים"; אֶרֶךְ אַפַּיִם אות ד; וְעוֹד) אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, נָאר פָּשׁוּטֶ'ע.

מוֹהַרָא"ש הָאט כַּמָה פְּעָמִים גֶעזָאגְט דָא אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים: "וָואס דַארְף אַ בָּחוּר? אַ בָּחוּר דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ: עֶר ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן", מוֹהַרָא"ש הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶען דַארְף בְּלוֹיז צֶען מֶענְטְשְׁן אוּן אַ טַלִית צוּ שְׁטֶעלְן אַ חוּפָּה אוּן דָאס אִיז עֶס. דֶער בָּחוּר ווִיל אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל זָאגְן וָואס דִי בַּת קֵיסָר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בֶּן מֶלֶךְ נָאכְן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אִיר שִׁידוּךְ: "אוּן דוּ בֶּן מֶלֶךְ קוּם אַהֶער, לָאמִיר אַהֵיים גֵיין (עַיֵין בְּסוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ב', מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר)", גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יֶעצְט אִיז דֶער חָלוֹם מְקוּיָם גֶעוָוארְן.

אֵיינֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר בְּשַׁעַת דִי חֲתוּנָה אוּן מִיר גֶעזָאגְט: "עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָה, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אָבֶּער אֵיין זַאךְ פֶעלְט יָא, אַז מוֹהַרָא"ש זָאל זִיצְן דָא מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל אוּן זֶען ווִי זַיין פְלָאג אוּן מִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶועְן אוּמְזִיסְט, אוּן זִינְגֶען דֶעם בַּאקַאנְטְן נִיגוּן: 'לֹא תְנַצְּחוּ אוֹתִי כָּל כָּךְ מַהֵר'", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "מוֹהַרָא"ש אִיז שׁוֹין אֵיינְמָאל דָא, נָאךְ ווִי אִיז עֶר דָא"; וַוייל דָארְט וואוּ מֶען חַזֶרְ'ט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִיק דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער צַדִיק, אַזוֹי אוֹיךְ דָארְט וואוּ מֶען פִירְט זִיךְ לוֹיט ווִי דֶער צַדִיק הָאט גֶעלֶערְנְט דָארְט אִיז דֶער צַדִיק, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, דַף עא:): "צַדִּיקָא – אַף עַל גַּב דְּאִתְפְּטָר מֵהַאי עָלְמָא, לָא אִסְתַּלָּק וְלָא אִתְאֲבִיד מִכֻּלְּהוּ עָלְמִין, דְּהָא בְּכֻלְּהוּ עָלְמִין אִשְׁתְּכַח יַתִּיר מֵחַיּוֹי", צַדִיקִים גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט נָאךְ זֵייעֶר פְּטִירָה נָאךְ מֶער ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען דָא בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט.

הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פַּארְקוּמֶען אַ שִׁיעוּר; בְּרֶעךְ דַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּם צוּם שִׁיעוּר, אֲפִילוּ מֶען וֶועט רֶעדְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט יֶעדֶע וָואךְ. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ דִיר מִיט דִי טַעֲנָה: "וָואס וֶועט מֶען שׁוֹין רֶעדְן? מֶען רֶעדְט דָאךְ יֶעדֶע וָואךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן", זָאלְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערְן: "אוּן וָואס וַוייזְטוּ מִיר? נָאכְאַמָאל עֲבֵירוֹת אוּן נָאכְאַמָאל עֲבֵירוֹת"...

יָא, מֶען גֵייט רֶעדְן דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים ווִי יֶעדֶע וָואךְ; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים צוּ רֶעדְן, אִיךְ זָאל רֶעדְן נָאר דִי דִיבּוּרִים וָואס מוֹהֲרַ"ן הָאט גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז אַלֶע יָארְן; נָאכְמָאל אוּן נָאכְמָאל פוּן אֱמוּנָה, פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אוּן פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן. נָאכְמָאל אוּן נָאכְמָאל פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; ווִי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן אַלֶעס אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן אַלֶעס - אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג.

זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; אוֹיבּ מֶען ווִיל נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אַ קִינְד וָואס זֶעט זַיין טַאטֶע זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר זֶעט זַיין טַאטֶע'ן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר'ן גֵיין שְׁלָאפְן, עֶר זֶעט ווִי זַיין טַאטֶע לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן, עֶר רֶעדְט אֵיידֶל, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט אוּן שֶׁעלְט נִישְׁט, דַאן וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; זֵיי וֶועלְן נָאכְמַאכְן זֵייעֶר טַאטֶע אוּן אוֹיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין, אוּן רֶעדְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן פְּרִישׁ אוּן נֵיי, נָאר נִישְׁט אַלְט וֶוערְן.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

**מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת; דִי ווִיכְטִיגְקַייט פוּן הָאבְּן אַ רֵיינֶעם ווִינְקְל; דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דֶעם שַׁבָּת.
~~~~~~~~~~~

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם מֶדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): "כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיוֹת", אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ שַׁבָּת אוּן מֶען אִיז מְעַנֵּג דֶעם שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים; דָאס אִיז וָואס מִיר קֶענֶען נָאךְ טוּן צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז מִיר וֶועלְן אַלֶעס פַארְעֶכְטְן אוּן עֶר וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ קַטְנוּת אוּן מַאכְט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוֹין פוּן פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער נָאךְ פְרִיעֶר: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן דֶעם שַׁבָּת, אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאל אִיךְ נָאר טַאנְצֶען אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן הֵיילִיגְן שַׁבָּת".

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען רִיקְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל פָארְאוֹיס מִיטְן נֵייעֶם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, מֶען זֶעט שׁוֹין דֶעם בִּנְיָן כִּמְעַט אִינְגַאנְצְן פַארְטִיג פוּן אִינְדְרוֹיסְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ "וְהַרְאֵנוּ בְּבִנְיָנוֹ, וְשַׂמְּחֵנוּ בְּתִקּוּנוֹ". פוּן דֶעם בִּנְיָן וֶועט אַרוֹיס גֵיין אַ לִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט שׁוֹין יֶעצְט וִוי דִי דִיבּוּרִים גֵייעֶן צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיין אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער אוּן אִין אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ער; פוּן אַלֶע קְרֵייזְן הֶערְט מֶען וִוי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

אִיךְ דַאנְק דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אוּן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס הֶעלְפְן; אוֹיף וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם גַאנְצְן בִּנְיָן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן נָאר מַאכְן חוֹבוֹת?! נָאר וָואס דֶען? אִיךְ דַארְף עֶס נָאר צוּ הִיטְן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶער בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה; אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִיז מִיר שְׁטִילֶערְהֵייט צוּגֶעקוּמֶען זָאגְן אוֹיף דֶעם בָּחוּר אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְסוּדָּר, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וִוי עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט? הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז נָאכְגֶעלָאפְן קִינְדֶער אִין אוּמַאן אִינֶעם הָאטֶעל וואוּ אִיךְ בִּין אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן זָאגְט מִיר אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס: "מִיר אַלֵיינְס אִיז עֶר נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מִיר נָאר גֶעוָואלְט אָנְכַאפְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן"; הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן הָאבְּן אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶעם פְּלַאץ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז מִיר הָאבְּן רֵיינֶע ד' אַמּוֹת וואוּ מִיר וֶועלְן קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

פָארִיגֶע וָואךְ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה. גֶעוֶוענְלִיךְ גֵיי אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אָבֶּער פָארִיגֶע וָואךְ נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ מַחֲשָׁבָה: 'לָאמִיר אַרוֹיס גֵיין קוּקְן וָואס טוּט

זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן', אַזוֹי וִוי אִיךְ קוּם אַרוֹיס קוּמְט מִיר אַנְקֶעגְן אַ יוּנְגֶערְמַאן וֶועלְכֶער אִיז דֶעמָאלְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, זָאג אִיךְ אִים: "זֵיי מוֹחֵל, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דָא אַרַיין קוּמֶען", פְרֶעגְט עֶר מִיר: "פַארְוָואס?" זָאג אִיךְ אִים: "וַוייל דָא אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים דְרֵייעֶן זִיךְ, אוּן אַ בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאצְווִינְגֶען צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה!" עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל, אוּן אִיךְ זָאג אִים דִי נָאמֶען פוּן וֶוער עֶס הָאט מִיר עֶס דֶערְצֵיילְט, הָאט עֶר זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען אוּן גְלַייךְ גֶעכַאפְּט פִּיס אוּן אַנְטְלָאפְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ מִן הַשָׁמַיִם אַז אִיךְ זָאל אִים טְרֶעפְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן דִי גַאנְצֶע פַּארְשִׁיקֶן זָאל דוּרְךְ גֵיין אָן קַיין גֶערַאטְשְׁקֶע.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר פַארְוָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנִיוָולִים, בִּשְׁעַת וָואס אִיךְ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג צוּ מִיר: 'וֶוער וֵוייסְט צִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶערֶעדְט?!' וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס רַחֲמָנָא לִצְלָן, וִוי יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִצְלָן וָואלְטְן אַלֶע גֶעבֶּעטְן: "רֶעד נָאךְ, רֶעד נָאךְ; מִיר ווִילְן זַיין רוּאִיג מִיט דִי קִינְדֶער".

אִיךְ שִׁיק דִיר מִיט אַ בִּילְד וואוּ מֶען אַרְבֶּעט פְלַייסִיג אִין אוּמַאן כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זֶען וואוּ דַיין גֶעלְט גֵייט; אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט קַיין אוּמַאן דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן כִּמְעַט הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאל אַרַיין רֶעגֶענֶען אִינֶעם בִּנְיָן אַזוֹי וִוי פַארַאיָאר; גֶעדֶענְקְסְט דָאךְ וִוי עֶס הָאט אַרַיין גֶעגָאסְן אוּן אַרַיין גֶע'מַבּוּל'ט אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָׁנָה, דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעשְׁווִימֶען וואוּ אִין וַואסֶער, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ יֶעצְט עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן.

קוּק נִישְׁט אָן דֶעם בִּנְיָן וִוי אַ זַייטִיגֶע זַאךְ וָואס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, בִּשְׁעַת וָואס בַּיי אוּנְז אִיז פָאְרן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָׁנָה; מִיר פָארְן אַלֶע יָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, אוּן נִישְׁט נָאר מִיר אַלֵיינְס פָארְן נָאר מִיר בְּרֶענְגֶען מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פוּן דִי זִיבְּן יָאר, דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זָארְגְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר זָאלְן זַיין אִינְאֵיינֶעם.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין טִיקֶעטְ'ס פַאר רֹאשׁ הַשָׁנָה שְׁנַת תש"פ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין נָאךְ אַמָאל אִין מַיין לֶעבְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער.

מִיר קוּקְן נִישְׁט אוֹיף קַיין מְנִיעוֹת אוּן אוֹיף גֶעלְט, אוֹיף גָארְנִישְׁט; מִיר טוֶּען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס רָצוֹן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט אַרַיין שְׁפְּרִינְגֶען אִין אַזַא גְרוֹיסֶע פְּרָאיֶעקְט צוּ בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן כְּדֵי צוּ הָאבְן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְז אוּן פַאר

אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; גֶעבּ עֶס נָאךְ אַ יָאר צְוֵויי אִיז דֶער בִּנְיָן קְלֵיין, נָאר פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס קוּמֶען יֶעצְט אַרוֹיף פְרִישֶׁע כִּתּוֹת קִינְדֶער וָואס וֶוערְן שׁוֹין פִינְף זֶעקְס יָאר, אוּן אַלֶע ווילְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז): "אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבוֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ", אִיךְ זָאג צוּ פַאר יֶעדְן קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר פַאר דִי זִיבְּן יָאר, וֶועט גֵיין צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד; וָואס נָאךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן אוֹיסֶער עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת? וָואס נָאךְ קֶענֶען זִיךְ עֶלְטֶערְן וואוּנְטְשְׁן ווִי אַזַא בְּרָכָה אוּן הַבְטָחָה אַז מֶען וֶועט קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער רֵיין אוּן הֵיילִיג אָן קַיין פְלֶעקְן פוּן עֲבֵירוֹת, אָן נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פְּגַם הַבְּרִית?

יוּנְגֶעלַייט פְרֶעגְן מִיר צִי עֶס אִיז טַאקֶע וויכְטִיג צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער יֶעדֶעס יָאר פוּן דִי זִיבְּן יָאר אוּן וַוייטֶער, אָדֶער מִיט אֵיינְמָאל אִיז מֶען יוֹצֵא? אֱמֶת, עֶס קָאסְט טֵייעֶר, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס אִיז גֶעלְט חָשׁוּב קֶעגְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת?!' מִיר קָאסְט עֶס אוֹיךְ גֶעלְט, אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן דָאס יָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף מִיט פִינְף קִינְדֶערְלֶעךְ בְּלִי עַיִן הָרָע. מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אוֹיבּ אַ טִיקֶעט קָאסְט נָאר טוֹיזְנְט דָאלְלֶער קוּמְט דָאס אוֹיס צוּ זֶעקְס טוֹיזְנְט דָאלְלֶער; אַוַדַּאי קָאסְט עֶס גֶעלְט, אָבֶּער מִיר טוּעֶן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר הַפְּסוּקִים פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, סִימָן לא; וְעַיֵּין ברא"ש בָּבָא קַמָּא ז, יט) אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת אִיז 'בִּיאָה', וָואס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זֶען צוּ זַיין צוּזַאמֶען מִיט דִי וַוייבּ; דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אַז עֶס זָאל זַיין קְרִיגֶערַייעֶן אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, כְּדֵי מֶען זָאל בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אַזוֹי רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען אִיז נִישְׁט צוּזַאמֶען. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ פְּרָאבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת ~~~

**אויף וועלכע עֲבֵירוֹת הֶעלְפְט דער "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך וויל וויסן אויב די "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" איז נָאר פַאר מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָדער איז דָאס אויך אַ תִּיקּוּן פַאר אַנדערע עֲבֵירוֹת, ווי לְמָשָׁל חִילוּל שַׁבָּת, גְּנֵיבָה, שֶׁקֶר, און אַזוֹי וַוייטער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ, שְׁלֹמֹה

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּשַׁעַת דער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוועזן די 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' הָאט דער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דערגֵיין דעם תִּיקּוּן אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל צַדִּיקִים זֶענֶען אַוֶועק פון דער וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל גֶעקֶענְט דערגֵיין דעם תִּיקּוּן, און אַ טֵייל הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דעם תִּיקּוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר הָאט דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דערגֵיין דעם תִּיקּוּן".

אַ מֶענְטְשׁ וָואס וויל פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען זָאל זָאגְן דעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" - די צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ], דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן אויף אַלֶע עֲבֵירוֹת בִּכְלָלִיּוֹת; יֶעדֶע עֲבֵירָה הָאט זַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע תִּיקּוּן ווי אַזוֹי מֶען אִיז דָאס מְתַקֵּן אָבֶּער דער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז כָּלוּל פון אַלֶע תִּקּוּנִים.

דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): "צֶען קַאפִּיטְל תְּהִילִים צוּ זָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, דָאךְ, ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֵייסְן זָאגְן וֶועט דָאס אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן"; וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִיז עֶס מְקוּיָּם גֶעוָוארְן אַז רוֹב וֶועלְט זָאגְט דָאס נִישְׁט צוּלִיבּ די מַחֲלוֹקֶת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיפְן רֶבִּי'ן, עַיֵּין שָׁם.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הֶעלְפְט אוֹיף חִילוּל שַׁבָּת, גְנֵיבָה וְכוּ'?' דוּ כַאפְּסט צוּזַאמֶען עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לְמָקוֹם אוּן עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ; אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס עֶס אִיז צְוִוישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער טוּט אֵיינֶעם וֵויי, מֶען גַנָבְ'ט, אָדֶער מֶען בָּארְגְט גֶעלְט אוּן מֶען צָאלְט נִישְׁט צוּרִיק אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פה:): "עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם כִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ", עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן בִּיז וִוי לַאנְג מֶען פַארְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; סַיי מֶען בֶּעט מְחִילָה אוּן מֶען דַארְף בַּאצָאלְן דִי גְנֵיבָה וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז דָא אַן עִנְיָן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שׁוֹיעֶר גְלַייךְ נָאכְן זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה?

יוֹסֵף

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - אִין יֶענֶע רֶגַע טוֹבֵל'ט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל זַיין נְשָׁמָה.

דוּרְךְ מִקְוֶה אִיז מֶען זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל-יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע צָרוֹת אוּן עֶס קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס גֵייט אִין מִקְוֶה אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט:

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה וָואלְט מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זְכוּתוֹ
~~~~~~~~~~~

יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (פָּרָשַׁת אֱמוֹר) אַז דִי כַּת שַׁ״ץ ימ״ש זֶענֶען גֶעוָוארְן אֶפִּיקוֹרְסִים וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוֶוען עוֹסֵק אִין קַבָּלָה אָן טָהֳרָה. אוּן פַּארְקֶערְט אוֹיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער בְּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט; וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן עֶר טוֹבֵל׳ט זִיךְ, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ מֶער טָהֳרָה.

בָּעְנְיָן זִיךְ שׁוֹיעֶרְן נָאכְן מִקְוֶה וְכוּ׳; עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ שׁוֹיעֶרְן פַּאר מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

### וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין סֵדֶר אִין לֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן הֲלָכָה, אִיךְ ווִיל אָבֶּער וויסְן ווִי אַזוֹי אֵיינְצוּטֵיילְן מַיין צַייט. אוֹיבּ הָאב אִיךְ דְרֵיי שָׁעָה אַ טָאג צוּ לֶערְנֶען, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען צְוֵויי שָׁעָה הֲלָכָה אוּן אֵיין שָׁעָה מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער צְוֵויי שָׁעָה מִשְׁנָיוֹת אוּן אֵיין שָׁעָה הֲלָכָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם טָאג וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן אוּן אֲפִילוּ בַּיים זֶעלְבְּן מֶענְטְשׁ טוֹישְׁט זִיךְ יֶעדְן טָאג בַּיי אִים זַיין מַצָּב וְכוּ׳. דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ גֶעבְּן אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען; מִיט דֶעם אַז דוּ בֶּעטְסְט וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיסְשְׁטֶעלְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִין אֲשֶׁר בְּנַחַל.

א) זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר אֲרִיכוּת יָמִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) ״לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים
~~~~~~~~~~

פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; הַגַּם דֶער אֲרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפֶנְט אַ חוּמָּשׁ דִי וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶועְן פָארִיגֶע וָואךְ? אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג, אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָּשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פָּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

טוּ אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נֶט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם גר"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶועְן אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז מֶען מוֹרָא'דִיג בְּשִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵּם גֶעוֶועְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

ב) נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה ז): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מב.): "בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה", דֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא כֹּחַ מִשְׁנָיוֹת הָאט אוּן וָואס עֶס טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִּיד פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ' - אַלֶעס בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַמָאל מֶער. אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיינְס פוּן דִי פִילֶע לְשׁוֹנוֹת אִינֶעם סֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים, וואוּ דֶער בֵּית יוֹסֵף שְׁרַייבְּט (מִשְׁלֵי סִימָן כג, עַמּוּד קסג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת בַּמִּשְׁנָיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ' פְּרָקִים", אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִּיד צוּ אִים בַּאווִיזְן; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת.

ג) אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה, דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְּמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְּמָרָא.

ד) ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט הַלָכָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ הַלָכָה אֲפִילוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּ'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הַלָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער מוֹהֲרָא"ש?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶוער אִי"ה אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹהֲרָא"ש זי"ע, וָואס קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן מֶער אִיבֶּער מוֹהֲרָא"ש, אוּן וָואס דָאס מֵיינְט פַאר מִיר, וֶוערְנְדִיג יֶעצְט אַן אֵיינִיקְל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ, שְׁלוֹמִי

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הֶחָתָן שְׁלוֹמִי נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי שְׁאֵלָה אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע שְׁאֵלָה, עֶס אִיז אַ שְׁאֵלָה וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין עֶנְדֶע; וִוי קֶען מֶען אַרָאפְּ שְׁרַייבְּן וֶוער מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען? וֶוער קֶען דֶערְצֵיילְן וָואס אַ צַדִיק אִיז? עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אָנְהֵייבּ אוּן קֵיין עֶנְדֶע צוּ דִי מַעֲשִׂים פוּן אַ צַדִיק.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין שְׁפִּיטָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת.

גֶעוֶוען אִיז דָאס מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח וֶוען אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִינֶעם קָאלָאמְבִּיע שְׁפִּיטָאל, אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכָה גֶעוֶועזְן צוּ זֶען מוֹהַרָא"ש נָאכְאַמָאל אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, עֶס הָאט אוֹיס גֶעזֶען וִוי מוֹהַרָא"ש גֵייט שׁוֹין נִסְתַּלֵק וֶוערְן דֶעמָאלְט אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין גֶעלָאזְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא טוּמְל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם שְׁפִּיטָאל אָבֶּער מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין גֶעלָאזְט. לְמַעֲשֶׂה אִיז אַ זוּן פוּן מוֹהַרָא"ש אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן צִימֶער מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל אַרַיין קוּמֶען; מִיר אִיז פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן צוּ זֶען וִוי מוֹהַרָא"ש לִיגְט אִין בֶּעט, אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן מִיר גֶעצִיטֶערְט. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֶעבְּן שָׁלוֹם אָבֶּער מוֹהַרָא"ש הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט גֶעבְּן דִי הַאנְט.

מוֹהַרָא"ש הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תקכב) אַז פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל יְסוֹד וְשׁוֹרֶשׁ הָעֲבוֹדָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ קְנַאק מִיט זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אִיבֶּער גֶישְׁפְּרִינְגֶען"; עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען אִיבֶּער צוּ שְׁפְּרִנְגֶען אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם): "וְהָיָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְשַׁבֵּחַ מְאֹד אֶת הַצַּדִּיק הַזֶּה שֶׁזָּכָה לוֹמַר כָּךְ קֹדֶם מוֹתוֹ", אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אַז עֶר הָאט זוֹכָה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם.

מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה אוּן גֶעזָאגְט: "אוּן אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ פַאר שִׂמְחָה אַז אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; מוֹהַרָא"ש הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּאטְשְׁן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט"; דִי פָּאר וֶוערְטֶער קֶען אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט פָּארְן צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ - פוּן דַיין צוּקוּנְפְטִיגֶער זֵיידֶע - קַיין יַבְנִיאֵל אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין לוֹיט דִי נוּסַח הַמַּצֵּיבָה. אִיךְ בִּין דִיר עֶס מַעתִּיק דָא: "פֹּה נִטְמַן", דָא לִיגְט, "הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי, עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת", אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, "**מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ**", עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פוּן וֶוען עֶר אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, **"וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו"**, עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶועֶרע אוּן בִּיטֶערֶע יִסוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, **"רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵירְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳"**, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִילֶע תַּלְמִידִים עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן יִרְאֵי ה׳, וכו׳.

אִיךְ שְׁפִּיר יֶעצְט וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אוֹיפְן רֶבִּי׳ן (אִינֶעם הַקְדָמָה אוֹיפְן סֵפֶר הַמִּידוֹת): "וְלֹא עָלֵינוּ לְהַרְבּוֹת שְׁבַח דְּבָרִים אֵלּוּ, כִּי כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ", מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַרְבֶּה זַיין מִיט קַיין שְׁבָחִים אוֹיפְן רֶבִּי׳ן, וַוייל וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן שְׁבָחִים מַאכְט מֶען נָאר וֶוייניגֶער; אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע מִשְׁפָּחָה, דוּ וֶוערְסְט אַן אֵיינִיקֶל פוּן אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק, זָאלְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אֱמֶת טַאקֶע זְכוּת אָבוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער נָאר אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן זְכוּת עַצְמוֹ מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן - וֶועט דִיר דָאס בַּיישְׁטֵיין.

אַז דוּ ווִילְסְט וִויסְן פוּן מוֹהֲרָא"ש זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים אוּן בְּרִיוְון; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון, דָארְט קֶען מֶען אִים טְרֶעפְן אוּן זַיין דָבוּק צוּ אִים; אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ בָּחוּר וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט אָנְצוּכַאפְּן מוֹהֲרָא"ש׳ס הַאנְט בְּשַׁעַת מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן נָאךְ קִידוּשׁ לְבָנָה: "דוּ ווִילְסְט מִיר אָנְכַאפְּן? לֶערְן אֲשֶׁר בְּנַחַל, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אָנְכַאפְּן".

דָא בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן מוֹהֲרָא"ש; בַּיי יֶעדֶע שְׁמוּעֶס הֶערְט מֶען: "מוֹהֲרָא"ש", "מוֹהֲרָא"ש", אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס מֶען לֶערְנְט פָאר דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הֶערְט מֶען: "מוֹהֲרָא"ש", "מוֹהֲרָא"ש"; זֶענֶען דָא דִי פְּרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס וֶוערְן לֶעצְטְנְס מְקוּרָב וֶועלְכֶע קוּמֶען מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי: "הַיִתָּכֵן מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹהֲרָא"ש, מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ שְׁפֶּעט?! זָאג אִיךְ זֵיי שְׁטֶענְדִיג וָואס רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי׳ן, דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי׳ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי׳ן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט ׳גֶעקֶענְט׳ דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט ׳גֶעזֶען׳ דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ ׳קֶענְסְט׳ דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל דוּ

לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; דָאס זָאג אִיךְ אוֹיךְ פַאר אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים: "אַז אִיר וֶועט לֶערְנֶען מוֹהֲרָא"שׁ'ס סְפָרִים וֶועט אִיר אַלֶע הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם צַדִיק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיז טַאקֶע גוּט דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן צוּזַאמֶען. הוֹדוּ לַה'.

מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעזֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע שְׁטַארְק הֲנָאָה וֶוען מַיין מַאן לֶערְנְט אִינְדֶערְהֵיים. אָבֶּער אֵייבִּיג וֶוען עֶר זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, נֶעמֶען מִיר זִיךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל. אוּן צוּלִיב דֶעם יָאגְט מַיין מַאן נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען צוּפִיל.

בָּרוּךְ ה' אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער מִיר ווָאלְטְן גֶעוָואלְט הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווָאס מֶען קֶען טוּן וֶועגְן דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחִי'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז מַמָשׁ אַ מְחַיֶה צוּ לֵיינֶען אַזַא שְׁאֵלָה; פוּן צְווִישְׁן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען ווָאס מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן - בְּרֶענְגְט אַזַא שְׁאֵלָה אַרַיין פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת, הֶערְנְדִיג אַז אִיר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אוּן אִיר פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם; אַזוֹי זָאלְט אִיר ווַייטֶער טוּן, שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב אוֹיפְן קוֹל בְּשַׁעַת דִי ווַייבּ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט, קָאכְן, בַּאקְן, מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּב אוּן מַאכְן
~~~~~~~~~~~

דִי וֶועשׁ וְכוּ' וְכוּ'. דָאס בּוֹיט אוֹיף דִי שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בַּיִת, סִימָן ט): "כָּל בַּיִת שֶׁנִּשְׁמָעִין בּוֹ דִּבְרֵי תּוֹרָה, שׁוּב אֵינוֹ נֶחֱרַב", אַ הוֹיז וָואס מֶען הֶערְט דָארְט אַ קוֹל תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן; וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִין שְׁטוּבּ בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ.

וֶוען אִיר וֶועט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט דֶעמָאלְט וֶועט אֵייעֶר מַאן לֶערְנֶען אוֹיפְן קוֹל פַאר זִיךְ וְכוּ', אוּן וֶוען אִיר וֶועט נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען זָאלְט אִיר אַוַדאַי שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## זָאל מֶען אָפְּשְׁרַייבְּן דִי "מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה"?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט פוּן אַ גֶעדַאנְק, אַז אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַזוֹי סַאךְ וֶועגְן תְּפִלָּה, וֶועגְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, אִיז אֶפְשָׁר אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מ'זָאל זִיךְ אָפְּשְׁרַייבְּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת, יֶעדֶער זָאל הָאבְּן בַּיי זִיךְ אַ בִּיכְל אִין וָואס עֶר זָאל אַרֵיינְשְׁרַייבְּן אַלֶע זַיין מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, דָאס קֶען הֶעלְפְט מֶער צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם כְּסֵדֶר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ תְּפִילָּה הָאט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, סג.): "אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה, לֹא יִצְוַוח - לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל, אֶלָּא לִי יִצְוַוח, וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה אוּן עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה, זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרַייעֶן - נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל אוּן נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל, נָאר צוּ מִיר זָאל עֶר שְׁרַייעֶן, פוּן מִיר זָאל עֶר בֶּעטְן אוּן אִיךְ וֶועל אִים גְלַייךְ עֶנְטְפֶערְן; זֶעט מֶען פוּן דָא אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ צָרָה זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי מֶען
~~~~~~~~~~~

קֶען דָאס נִישְׁט טוֹישְׁן זָאל מֶען וַוייטֶער שְׁרַייעְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

טַאקֶע אַזוֹי וְוי דוּ שְׁרַייבְּסְט טוּעְן אַלֶע תַּלְמִידִים - סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ, אַלֶע הָאבְּן אַ "תְּפִלָּה צֶעטְל" וואוּ מֶען שְׁרַייבְּט אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דֶעם "תְּפִלָּה צֶעטְל" אוּן מֶען בֶּעט אוֹיף אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט דָארְט. אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן מַאכְט מֶען אַ סִימָן כְּדֵי מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶע בַּקָשׁוֹת פוּנֶעם צֶעטְל לֵייגְט מֶען דָאס אַוֶועק אוֹיף שְׁפֶּעטֶער זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעדֶענְקֶען דִי חֲסָדִים אוּן נִסִים וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**וְוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן מַסְכִּים זַיין צוּ בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר גֵייעְן אי"ה בַּר מִצְוָה מַאכְן בְּקָרוֹב, אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מַאכְן בְּלוֹיז אַ קִידוּשׁ שַׁבָּת אִין שׁוּל, אַזוֹי וְוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ אוֹיסְוואַרְפְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוֹיף דִי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי שִׂמְחָה, וּבִפְרָט אַז מֶען הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס צוּ בַּאצָאלְן.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין זוּן, דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן דֶערְפוּן. ווִיפִיל מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אִים מַסְבִּיר צוּ זַיין דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ מַאכְן אַ בִּילִיגֶע שִׂמְחָה

אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת, ווִיל עֶר דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר מוֹרָא פוּן זַיין חֲבֵרִים וָואס לַאכְן פוּן אִים אַז עֶר גֵייט נִישְׁט הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע בַּר מִצְוָה אִין אַ זַאל אַזוֹי וְוי יֶעדֶער אֵיינֶער.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט חִיזוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן, וֶועט דָאס אִים גֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת עֶס יָא צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

אַלֶעס וֶוענדְט זִיךְ אִינֶעם חִינוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט פַּאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' הָאבְּן קוֹיפְט מֶען אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'וִויל' הָאבְּן וַוייל יֶענֶער הָאט דָאס קוֹיפְט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַן אֱמֶת'עֶ לֶעבְּן וָואס מֶען לֶעבְּט פַּאר זִיךְ, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט וַוייל יֶענֶער לֶעבְּט, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְּרַאוֶועןְ זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, וִוי אַ בַּר מִצְוָה, חֲתוּנָה וְכַדוֹמֶה, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט בֶּעטְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת צוּלִיבּ וָואס 'יֶענֶער' מַאכְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, נָאר זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה אַלֵיינְס אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט וְכוּ'.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בַּיי אוּנְז אִינֶעם מוֹסָד אִין ווילִיַאמְסְבּוּרְג אִיז מֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער צוּ לֶעבְּן פַּאר זִיךְ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם; מֶען לֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אוֹיף דֶעם - בְּעִיקָר בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ - אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'וִויל' בַּאקוּמְט מֶען. מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דֶעם חִילוּק פוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' אוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען 'וִויל'.

אִיךְ כַאפּ אָן אַ דוּגְמָא, וֶוען עֶס קוּמְט אָנְהֵייבּ יָאר, דִי צַייט וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַארְן קוּמֶענְדִיגְן שׁוּלֶע יָאר, אוֹיבּ קֶען מֶען נָאךְ נוּצְן דִי טַאשׁ פוּן פַארְיָאר 'דַארְף' מֶען נִישְׁט קוֹיפְן אַ נַייעֶ; עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז מֶען 'וִויל' אַ נַייעֶ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ 'וִויל' נַייעֶ אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן וְכוּ', אָבֶּער מֶען אִיז מַסְבִּיר בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע פַּאר דִי קִינְדֶער אַז אַ נַייעֶ טַאשׁ קָאסְט פַּאר דִי עֶלְטֶערְן גֶעלְט. מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אַז זַאכְן קָאסְטְן גֶעלְט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי טַאטֶע מַאמֶע אוּן בְּלָאזְן, סְטְרַאשֶׁעֶנְדִיג אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּלֶע בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַ נַייעֶ, אֲפִילוּ עֶס רֶעדְט זִיךְ דָא פוּן קְלֵיין גֶעלְט, אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי דָאס פַארְשְׁטֵיין וֶוען עֶס קוּמְט זֵייעֶר צַייט בַּר מִצְוָה הָאבְּן אָדֶער חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אַריין בְּרֶענְגֶען בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער בִּילִיגֶע שִׂמְחוֹת וְכַדוֹמֶה, זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרִים פוּן אֱמוּנָה. בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל זֵיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'בַּעַל תְּפִילָה' וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), וִוי דֶער בַּעַל תְּפִילָה פְלֶעגְט זָאגְן פַּאר אַלֶעמֶען: **"עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וָואס דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בַּעַל תְּפִילָה: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַריין**

**גֶעפַּאלְן אִין תַּאֲוַת מָמוֹן", און וָואס דֶער בְּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַלְץ ווילְט איר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט איר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".**

אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ פָּארְן קַיין יַבְנְאֵל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער און זֶען דָאס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט, זָאלְסְט גֶעבְּן אַ קוּק וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: "הַבַּעַל תְּפִילָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל", אִין אִידִישׁ: "דֶער בְּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט: נָאךְ אַלְץ ווילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאר צוּ זֶען דֶעם טָאוְול; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג וִוי מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און וִוי שְׁטַארְק מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוֹת אָן קַיין חָכְמוֹת און אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~